# שרגא המאי"ר

מתוך דרשת הרב הגאון

רבי שלום שרגא פייש פאפלאנאש שליט"א

# סקיפן ביי שידוכים (א)

(לדלג בשידוכים)



## תוכן השיעור

א שידוך פאר א עלטערע בחור-מיידל איז א מצוה ווי תקיעת שופר וכדו' / זיין א שדכן איז א מצות עשה דאורייתא! / אויף יענע וועלט וועט מען פרעגן, צי האסטו געהאלפן א צווייטן איד מיט א שידוך צי נישט / ליסטע פון רבנים וואס האבן עוסק געווען אין שדכנות / ענין פון קויפן חפץ של מצוה מיט די כשר געלט - "שדכנות געלט". / די שאלה פון סקיפן / די יונגסטע גרושה אין כלל ישראל'ס היסטאריע? / פארוואס מען מאכט נישט קיין שהחיינו פאר די חתונה? / איז טאקע אמת אז א שידוך איז "באשערט"?

**מיט'ן** אויבערשטנס הילף וועלן מיר היינט ארומרעדן, איבער די ענין פון שידוכים. מיר וועלן אויסשמועסן די גאנצע זאך פון סקיפן, די היסטאריע פון דעם, די הלכה פון דעם, די תשובה ספרים וואס רעדן פון דעם, וואס איז געווען במשך הדורות, און אויך תורה'דיג ווי אזוי מ'דארף זיך אומגיין מיט אזא בחור אדער א מיידל וואס מ'דארף אים/איר סקיפן, וואס מ'דארף זיי זאגן, דארף זי יא מוחל זיין, אדער נישט מוחל זיין, העלפט עס אז א דרויסנדיגער עסקן קומט אריין אין בילד און טוט בויקאט'ן די עלטערן. וועלן מיר רעדן פון די אלע זאכן מיטן אויבערשטנס הילף.

**דאס** איז ליידער א פראבלעם וואס ווערט מער און מער. סיי ווייל די ציבור וואקסט ב"ה, און אויך ווייל ס'איז דא ווייניגער שדכנים ווי ס'פלעגט זיין. ס'איז דא פארשידענע סיבות, ווי מיר וועלן באלד אויסשמועסן על פי הלכה וואס די סיבות זענען, און פאר די סיבות זענען דא היינט אסאך וואס גייען דורך די בן שמונה עשרה לחופה, און מ'ווערט עלטער און עלטער. אסאך מאל געט מען זיך א קוק אום און ס'איז דא א משפחה וואס עס שטייען אין רייע אפאר קינדער איינער נאכן צווייטן, און מ'הייבט אן צו טראכטן; יא סקיפן אדער נישט סקיפן? מעג מען יא, אדער טאר מען נישט? וואס זענען די צדדים?

**דער** רמב"ם שרייבט שוין אין די אגרת אז מיין האר פון קאפ איז מיר ווייס, ווייל איך האב א טאכטער אין די יארן, אין שידוכים און ס'גייט נישט, ממש איך ווער קראנק דערפון, איך טרעף נישט קיין פאסיגע שידוך, איינער וואס זאל זיין לפי כבודו, איינער וואס זאל זיין ראוי צו נעמען מיין טאכטער, ס'עסט מיר אויף די געזונט, אזוי שרייבט דער רמב"ם אין די אגרת הרמב"ם.

### ווען עס גייט נישט קיין שידוכים...

**קודם** וועלן מיר אנהייבן מיט די באקאנטע משנה אין תענית (פ"ד משנה ח'). די משנה זאגט דארט, **לא היה ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכיפורים**, ס'איז נישט געווען אזעלכע ימים טובים פאר די אידן ווי די צוויי טעג, **שבהן בנות ירושלים יוצאות.. וחולות בכרמים**, די מיידלעך זענען געגאנגען דעמלאטס אין די פעלדער און

מ'האט געטאנצן אין רינגען, און דעמאלטס איז געווען אסאך שידוכים. ס'איז געווען א טאג וואס אסאך אידן האבן חתונה געהאט, אסאך אידן האבן געטראפן די זיווגים, און פארדעם איז דאס א מורא'דיגע גרויסע יו"ט, גרעסער פון אלע ימים טובים, ווייל טרעפן זיווגים איז א מורא'דיגע גרויסע זאך.

**ווער** ס'לערנט די גמרא איז די קשיא פשוט, מ'זאל זיך פארשטעלן היינט זאל מען זאגן אז ס'גייט זיין איך ווייס ערגעץ א גאס, ווען זיך צאמקומען אלע מיידלעך טאנצן.. ס'איז קלאר קעגן עניני צניעות, ס'איז א מנהג הפקר. וואס איז בכלל געווען אזא מין זאך, ווי אזוי קען זיין אזא זאך ארבעטן?

**ס'איז** דא א ספר **מלאכת שלמה** אויף משניות, דער מלאכת שלמה צייכנט צו א **כל בו**,[א] ער שרייבט דארט, דו לערנסט די גמרא זאלסטו זיך נישט וואונדערן וואס הייסט מ'האט געהאקט טענץ, ס'קען דאך נישט זיין אזא זאך, ס'איז דאך מנהג הפקר. זאגט ער נאר וואס דען, באמת איז געווען שידוכים, יעדער איינער האט געטון געהעריג שידוכים ווי מ'ווייסט היינט, ס'איז געווען א שדכן וואס האט אנגעטראגן שידוכים. נאר וואס דען, ס'האט זיך אסאך מאל געמאכט עפעס אן עלטערע מיידל, זי איז געווארן זייער אלט, און ס'איז אויך געווען א בחור וואס איז געווארן אלט, מ'האט שוין נישט געקענט גיין מיט די געהעריגע סיסטעם, ס'האט שוין נישט געארבעט. האט מען נישט געהאט קיין ברירה און מ'האט געמוזט פאר זיי מאכן אזא מין זאך.

**אבער** זאלסט זיך נישט איינרעדן זאגט ער, אז אלע שידוכים זענען צוגעגאנגען ח"ו אויף אזא וועג, אז מ'האט געטון אזא זאך, נאר איינע וואס איז געווען אין א פראבלעם, זי איז עלטער געווארן, זי האט באקומען ווייסע האר אויפן קאפ, אזעלכע לשונות שרייבט ער דארט, מ'האט נישט געהאט קיין ברירה, האט מען געמוזט מאכן אזא זאך, אבער נישט אלע שידוכים זענען אזוי צוגעגאנגען.

## עס מאכט זיך ביי די שענסטע משפחות...

**מען** קען אויך ארויסנעמען פון דעם א דבר נפלא, א מורא'דיגע חיזוק פאר אידן וואס האבן אן עלטערע קינד אינדערהיים. זאל מען וויסן אז די גמרא זאגט ביי אונז אן אינטערעסאנטע זאך, די גמרא זאגט אז ווען ס'איז געקומען צו מאכן די טענץ חמשה עשר באב, פארציילט די גמרא אז יעדע מיידל האט געבארגט בגדים פון א צווייטן **כדי שלא לבייש את מי שאין לו**, די בת כהן גדול האט געבארגט פון די סגן, די סגן האט געבארגט פון די נשיא, יעדער האט געבארגט פון א קלענערן מענטש צו ווייזן אז ס'איז גארנישט אז מ'בארגט.

**פון** דעם קומט ארויס א הפלא'דיגע זאך; די גאנצע טענץ האט מען דאך געמאכט נאר פאר די אלע וואס איז זיי נישט געגאנגען קיין שידוכים, און פארט זעט מען אז די 'בת כהן גדול', מיט די 'בת סגן', מיט די 'בת נשיא', האבן זיך אויך געקענט געפינען צווישן די וואס מ'האט נישט געהאט קיין ברירה און מ'האט זיי מתיר געווען צו מאכן אזא זאך. מ'האט געקענט קומען פון א שיינע משפחה, פון א שיינע שטוב, ס'פעלט נישט גארנישט, די בת כהן גדול, פארט אבער מאכט זיך א מציאות אז מ'האט נישט קיין ברירה, במקום שאין איש האט מען נישט געהאט קיין ברירה און מ'האט געמוזט צושטעלן אזא מין יום טוב וואס איז געווען חמשה עשר באב. פון דעם זעט מען אז עלטער ווערן איז נישט קיין נפקא מינה פון וועלכע שטוב מ'קומט, און ווי מ'זאגט וואס די בעקראונד איז.

## שידוכים איז וויכטיגער ווי שופר און מגילה!

**ווי** ווייט די גרויסע טאג איז געווען, און ווי גרויס ס'איז די מצוה צו מזווג זיין איין איד מיט'ן צווייטן און מאכן שידוכים, זעט מען פון א חידוש פון א קשיא פון דער **שואל ומשיב** אין די תשובות.

### תוספות המאי"ר

א. באמת די ספר כל בו וואס אונז האבן, האט נישט קיין נאמען, ס'איז דא וואס זאגן אז **רבי אהרן הכהן מלוניל** האט דאס געמאכט, דער זעלבער מחבר פון די אורחות חיים, אבער למעשה לא נודע מחברו, מ'ווייסט נישט ווער ס'האט דאס געמאכט פון די כל בו. זייער אסאך זאכן פון די כל בו קומט פון די ספר פון דעם **בעל המכתם**, דער בעל המכתם האט געוואוינט אין די זעלבע שטאט וואו דער בעל כל בו האט געוואוינט אפאר הונדערט יאר פאר אים, און די ספר המכתם איז געווען א בן דורו פון דער רשב"א.

דער שואל ומשיב האט א קשיא, די גמרא זאגט דאך אז צוויי טעג איז געווען ימים טובים, ס'איז געווען חמשה עשר באב, און ס'איז געווען יום כיפור. וואס האט מען געטון? מ'האט געמאכט טענץ. ווער ווייסט דען נישט די אפענע משנה אין ביצה אז שבת און יום טוב טאר מען נישט טאנצן, מ'טאר נישט שפרינגען, מ'טאר זיך נישט פרייען, מ'טאר נישט קלאַטשן מיט די הענט, וויאזוי האבן די מיידלעך געקענט טאנצן יום כיפור, יום כיפור טאר מען דאך נישט טאנצן?

**זאגט** דער שואל ומשיב אז מ'מוז זאגן אז די זאך אז מ'מעג נישט קלאטשן ווייל איך האב מורא שמא יתקן כלי שיר, איז א שפעטער'דיגע תקנה, משא"כ די תקנה אז מזאל ארויסגיין חמשה עשר באב איז געווען שוין בימי דוד ובימי שלמה, והא ראי', ווייל די גמרא לערנט דאס ארויס פון א פסוק אין שיר השירים, פון **צאינה וראינה בנות ציון**, ממילא וויבאלד ס'איז געווען אן אלטע מנהג האט מען נישט געגומען קיין גזירה דרבנן און אויסגעריסן דעם אלטן מנהג.

**פרעגט** דער שואל ומשיב א קשיא, איי אונז זעען מיר דאך, אז שופר, מגילה און לולב, מצוות וואס זענען דאורייתא צי דברי סופרים דברי קבלה, און מ'זעט אז מ'האט עס ארויסגעריסן, אלעס פארוואס, אלס שמא יעבירנו ד' אמות ברה"ר, זעסטו דאך אז אפילו אן אלטע מנהג האט מען אויסגעריסן במקום וואס איז דא א גזירה דרבנן. אויב אזוי פארוואס האט מען נישט אויסגעריסן די מנהג פון טאנצן יום כיפור?

**זאגט** דער שואל ומשיב א הפלא'דיגע זאך. מ'מוז זאגן אז די מנהג פון מאכן שידוכים ביי כלל ישראל, אז ס'איז דא א איד וואס האט אן אלטער בחור אינדערהיים, צי אן אלטע מיידל אינדערהיים, און דורך די טאנצן מאכט מען א שידוך, און מ'לעבט אויף א אידישע משפחה און א אידישע שטוב, דאס איז א גרעסערע מצוה ווי תקיעת שופר און מגילה! און מיט דעם האבן זיך חז"ל נישט געקענט ארומשפילן.

**דאס** איז טייטש אזוי, שופר האט מען געקענט זאגן בלאז נישט, מגילה האט מען געקענט זאגן ליין נישט, אבער טשעפען איינעמס שידוך דאס איז א זאך וואס מ'קען נישט אנרירן! ער ענדיגט צו, וצריך עיון, אז מ'האט נישט קיין אנדערע תירוץ, מוז דאס זיין די תירוץ.[ב]

## זיין א שדכן איז א מצות עשה דאורייתא!

**יעצט** וועט מען קודם אריינגיין א רגע וועגן שידוכים און שדכנים בכלל אויפן שפיץ גאפל, ביז מ'וועט צוקומען צו אונזער שאלה. דאס שטייט שוין אן אפענע הלכה אין הלכות שבת אין סימן ש"ו אין אורח חיים, אז מ'מעג רעדן שבת פון א שידוך. איי א שידוך קען דאך מיינען ביזנעס און פארשידענע זאכן? נאר ווייל ס'הייסט חפצי שמים, אזוי שטייט אין שו"ע, ס'איז גאר א מצוה.

**אין פחד יצחק** ברענגט ער פון ספר **גבעת שאול הקדמון**, אז די סיבה פארוואס ס'איז דא א חיוב פאר יעדן איד צו טון א שידוך, ווייל ס'איז דאך דא א מצות עשה דאורייתא פון **הדבק במדותיו** - א מענטש זאל נאכטון וואס דער אויבערשטער טוט, און וויבאלד ס'שטייט דאך ויבן את הצלע און ס'שטייט אין פסוק ווייטער דארט ויביאה, דרש'ענען חז"ל אין מסכת ברכות דף ס"א אז דער אויבערשטער איז געווען שושבינין פאר אדם און חוה, דארף יעדער איינער נאכמאכן די זעלבע זאך. זאגט ער איי וואס מיינט שושבינין, שושבינין מיינט דאך נישט קיין שדכן, שושבינין מיינט איינער וואס איז אן אונטער פירער. נאר רש"י זאגט דארט אז וואס מיינט שושבינין, איינער וואס איז זיך **משתדל**



ב. די אמת איז אז מ'האט געטראפן אין די גניזה אין קאַירא אסאך מדרשים, פארשידענע זאכן וואס אונז האבן נישט געהעריג. דארט איז דא א מדרש וואס הייסט מדרש אלמנוצי, בפשטות שרייבט דער מחבר אז ס'קומט פון רבי שרירא גאון און פון רב האי גאון, דארט שטייט אז די מחולות איז נאר געווען חמשה עשר באב, ס'פעלט טאקע יום כיפור. מיט דעם ווערט פארענטפערט די קשיא פונעם שואל ומשיב וויאזוי מען האט געקענט טאנצן יום כיפור.

אבער מ'האט שוין אמאל אויסגעשמועסט, אז די אלע מדרשים וואס מ'האט געטראפן אין קאַירא, איז נישט געווען רוח רבותינו נוחה הימנו אז דאס איז מדרשים וואס מ'קען זיך אויף דעם פארלאזן. אבער ווי אזוי ס'זאל נאר ביי די גמרא ביי אונז שטייט דאך יא קלאר אז יום כיפור האט מען געמאכט מחולות זעט מען ווי ווייט ס'איז אן ענין אז ס'קומט צו מאכן שידוכים ביי א איד ווי גרויס די מצוה איז.

בס"ד

# גליונות לשבת קודש

גליונות של דברי תורה
וסיפורי צדיקים

**ליינט די שיעורים יעדע וואך אין די קונטרס**

gilyonosshabbos@gmail.com



פרשת
**אמור**
תשפ"ג

תּוֹרָתוֹ מָגֵן לָנוּ הִיא מְאִירַת עֵינֵינוּ